STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03604

MAYNE GEZANGEN

Aaron Gutman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ING. DANIEL ROJTKOP
SARMIENTO 2273-9-B
1044 BS. AS. ARGENTINA

אהרן גוטמאן

מיינע געזאנגען

(לידער)

בוענאס איירעס

1946

אינהאלט:

מיין מאמעס וואָרט — 5
מיין טאַטענס אידישקייט — 7
צו מיין שוועסטער יהודית — תל־אָביב — 9
א תפלה צו ביאַליסטאָק — מיין היימשטאָט — 10
פאַרוואָס? — 12
טרעבלינקיטים — 13
גיט קיין פאַנטאַזיע — 15
רופא, ברענג א הילף! — 17
מיין פייערל — 19
איך בין א איד, קאָרדאָבא!!! — 20
ליד, שענק מיר... — 22
פלאַמען... — 23
פונוואַנען? — 24
מאַמענטען — 25
דו וועסט היילען — 30
איך האָב זיך דערמאָנט — 29
מיין ברכה — 31
איך וועל דיר שענקען לידער — 32
דיין געשטאַלט — 33
איך האָב געהערט דיר זינגען — 35
דיין שפּראַך — 37
דו קענסט — 38
מיין ליד — 39
גיט איינשטילען — 40
דיין פלאַם — 41

איך וויל דו זאָלסט פאַרשטעהן — 42
שטימונגען — 45
הײנט — 46
וואָס־זשע טויגען דיר וכוחים? — 47
מאָדנע ווערטער — 48
איך האָב געקלאַפּט... — 49
איך וועל מעהר ניט קלאַפּען — 50
און ס'וועט געשעהן — 52
אין שקיעה־פלאַם — 54
איך וויל ניט — 56
אַ צאָהן — 57
אַ סורפּריז — 59
דו וועסט ניט אויסלעשען... — 63
ווען דו ווילסט — 64
ניט אויסלעשען — 63
איך ווײס ניט — 66
וואָס איז געשעהן? — 70
פאַרגעס ניט — 68
ווען דו וועסט פאַרטרייבען — 72
אַלצאיינס — 74
אַ ענדע — 75
איך האָב געמיינט — 76
דו האָסט געצונדען — 77
שטימונגען — 78
איך בעט דיר — 79

מיין מאַמעס וואָרט

דיין וואָרט — אַ ליכט,
דיין אידיש — אַ געזאַנג,
אָה מאַמע!
דיין קלינגענדיגע שטים,
— מיין מאָרגענטוי — מיין ברכה...

דיין וואָרט — פאַר מיר:
אַ שטראַליגע מנוחה...
דיין וואָרט — פאַר מיר:
אַ ליכטיגער באַגין...

איך טראָג דיין וואָרט
ווי אַ שמחת-תורה-פאָהן...
איך טראָג דיין וואָרט
ייי ציונס מגן-דוד...

איך טראָג דיין וואָרט
ווי אַ הייליגען סימבאָל:
צו שטאָט, צו דאָרף,
צו באַרג-שפּיצען, צו טאָל...

דיין וואָרט — אַ ליכט,
דיין אידיש — אַ געזאַנג,
אָה מאַמע!

מיין טאַטענס אידישקייט

איך פאַרשטעה היינט דיין גמראַדיגען נגון,
דיין זיסען קאַפּיטעל תנ״ך:
די קלאַנגען וואָס פאַרהילכען מיין מקדש,
און זענען מיין שמירה — מיין וואַך...

איך פאַרשטעה היינט דיין טלית, דיינע תפלין,
— דיין פרומע גאָטספאָרכטיג געשטאַלט...
דיין צאַפּעל אין מינוטען פון תפלה:
אַ גאַנץ יאָהר און נאָך מעהר ביי נעילה...

איך באַנעם היינט דיין קדושהדיג שבת,
— דיין הייליגען יום-טוב-געזאַנג...
דיין שטענדיגען דורשטען — דיין שמאַכטען:
דיין בענקען — דיין גאַרען צו הימלען...

איך באַגעם היינט דיין פליה און דיין פלאַטער,
דיין פרומקייט — דיין יראת שמים,
— דיין חלום — דיין שטרעבען צו הויכען...
— דיין פלאַמיגע ליבשאַפט צו גאָט...

צו מיין שוועסטער
יהודית — תל-אביב

שיק אַ טעלעגראַם — אַ בשורהלע — אַ פרייד...
שיק אַ טעלעגראַם — ווערטער — האַרציג רייד...
שיק אַ טעלעגראַם — טאַטע-מאַמע לעבט!!!
שיק אַ טעלעגראַם — חרמון-טוי — פון דיר...
שיק אַ טעלעגראַם — אַ ליכט-געשריפט — צו מיר...

אַ תפלה
צו ביאַליסטאָק — מיין היימשטאָט

איך וויל — כאָטש איינמאָל:
אַ קוק טאָן אויף דיינע חורבות...
איין בליק... איין בליק...
און שוין גענוג...
ביאַליסטאָק!

איך וויל — כאָטש איינמאָל:
אַ קוק טאָן אויף דיינע פאַראָבלטע גאַסען...
אויסשטרעקען מיין האַנט צו דיין עלענד,
צו דיינע צעפּייניגטע קינדער...
ביאַליסטאָק!

איך וויל מיין האַרץ פאַרפלאַנצען
אויף דיינע זאַמדען;
אויף די ברעגעס פון דיין ביאַלי,
— אויף דיינע טייכישע ראַנדען...
ביאַליסטאָק!

איך וויל אַריינבלאָזען אין דיין סקעלעט:
מיין כח — מיין גבורה...
מיין נשמה — מיין גייסט...
מיין תפלה — מיין געזאַנג...
ביאַליסטאָק!

פאַרוואָס?

פאַרוואָס? פאַרוואָס?
פאַרוואָס בין איך דערדריקט?
פינסטער דער אַרום...
פינסטער... פינסטער... שטום...

שווימען שיפען איבער ימים,
— שיפען פון מיין פאָלק...
שווימען... שווימען...
ברעגעס זענען ווייט...

שווימען שיפען איבער ימים,
— שיפען פון מיין שטאַם...
שווימט דער עלענד פון ישראל:
אָהן אַ ציל — גלאַט — סתם...

טרעפּלינקיטיס

וואָס איז דאָס פאַר אַ ווירוס?
ווער פרעסט מיין האַרץ און מח?
ווער לעכערט מיינע אברים,
און שליידערט גוף אין קרעמפּען?

וואָס איז דאָס פאַר אַ מחלה,
אַ בלוטיגע מתנה,
— אַ ירושת אבות;
— אַ בלוט-געשאַנק פון דורות?

ניט טאַטע און ניט מאַמע,
ניט זיידעס און ניט באָבעס;
שולדיג איז ניט קיינער,
ניט קיינער פון די אבות...

ווען שונא איז באַפאַלען
די גרעניצען פון פעלקער,
און אָפּגעמעקט מיט פייער
דעם זעלבסט-זיין פון מדינות...

ווען שונא האָט צעשמעטערט
די שאַרבענס פון חכמים,
און אין קאַלכאויוועגס געבראָטען
מיינע ברידער אין מיליאָנען...

האָט מיך באַהערשט אַ ציטער,
אַ פחד און אַ מורא...
האָב איך פיינט באַקומען מענטשען,
און אַ פלוך צו וועלט געוואָרפען...

וואָס איז דאָס פאַר אַ מחלה?
וואָס זאָגען די דאָקטוירים,
— די רופאים און די היילער?
טרעבלינקיטיס!!!

נישט קיין פאַנטאַזיע

שוועבן שטויבאַלאַך אין לופטן,
שטויבאַלאַך פון אַש...
שוועבן זאַמדאַלאַך אין לופטן,
צעמאָלענער געביין...

שטויבאַלאַך דערצעהלען,
זאַמדאַלאַך דערצעהלען:
וועגן משונהדיגע מיתות,
הריגות אָהן אַ שיעור...

שטויבאַלאַך זאָגן,
זאַמדאַלאַך זאָגן:
מיט גבורהדיגן אָטעם,
מיט דונערדיגן קול:

מיר זענען די רעשטען
פון אידישע קדושים...
מיר זענען די רעשטען
פון הייליגע מתים...

רופא, ברענג א הילף!

איך האָב געטאַנצט ווי אַ שיכור
אין פרעמדען קאַראַהאָד...
איך האָב געזויפט פון זילבער-בעכער;
פון כוס — פון גלאָז, פון פלעשער...

קיין ווייַן און קיין געטראַנק,
קיין טאַנץ און קיין געזאַנג:
ניט שטילען וועט מיין וועה,
— מיין בלוטיגען געשריי...

איך וויל אַ באַלזאַם האָבען,
— אַ רפואה אין מיין האַנט,
וואָס זאָל היילען וואונד,
— די מכה פון מיין שטאַם...

איך וויל אַ רופא רופען,
— אַ היילער — וואונדערמאַן,
וואָס זאָל געזונט מאַכען מיין פאָלק,
מיט הייליג וואָרט — מיט פלאַם...

איך קוק אין ווייטען שליאַך:
אַ רופא אפשר קומט?...
איך קוק אין ווייטען שליאַך:
מיין האַרץ איז אָפען — וואַך...

מיין פייערל

איך וועל היינט אָנצינדען אַ ליכט,
אַ פייערל אַזאַ...
פינקלען וועט מיין פייערל
טאָג און נאַכט — נאַכט און טאָג...
פינקלען וועט מיין פייערל,
ברענען וועט מיין האַרץ...

צאַנקען וועט מיין פייערל,
ווען איך וועל שטאַרבען מיט געשריי...
צאַנקען וועט מיין פייערל,
ווען איך וועל אויסגעהן אין מיין וועה...

איך בין אַ איד, קאָרדאָבאַ!!!

ס'האָבען זיך צעפינקעלט
אַלע דיינע לאַמפּען...
אין פינסטער פון דער נאַכט
שיינען דיינע ליכטען...

און מיליאָנען שטערן,
צענדליגער לבנות...
און טויזענטער לאַמטערן
באַלייכטען דיינע גאַסען...
קאָרדאָבאַ!!!

אויף דיין ערד — דער זיסער,
האָב איך ברויט געגעסען...
מיט וויין געשטילט מיין אומעט,
מיט פרוכט מיין האַרץ געקרעפטיגט...

אויף דיין ערד — דער זיסער,
האָב איך געפּיהלט די פּיינען
פון מיין פאָלק — מיין אומה,
— פון מיין שטאַם אין עלענד...
קאָרדאָבאַ!!!

זוניגע פריהמאָרגענס,
ליכטיגע באַטאָגען...
פלאַמיגע געזאַנגען:
צו ירושלים און יהוה...

זוניגע פריהמאָרגענס,
ליכטיגע באַטאָגען...
פלאַמיגע געזאַנגען:
איך בין אַ איד...
קאָרדאָבאַ!!!

ליד, שענק מיר

ליד, שענק מיר דיין חסד,
— נשמה און האַרץ...
ליד, גיב מיר מתנות,
דיין געטליכען גנאָד...

ליד, שענק מיר דיין גבורה,
— כח פון וואָרט...
ליד, שענק מיר דיין אָטעם,
אין מינוטען פון פּיין...

ליד, שענק מיר דיין חסד,
— אַלץ וואָס איז שעהן...
ליד, שענק מיר דיין חסד,
— דיין מוזיקאַלישען חן...

פלאַמען

איך האָב אויפגעפלאַמט אויף אַרגענטינער ערד...
איך האָב אויפגעפלאַמט אויף פלאַטאַ-ערד...
מיטן געזאַנג פון מיין שטאַם,
מיטן געזאַנג פון מיין פאָלק...
מיטן שטאָלצען „שמע" פון מיין אומה,
— מיט ווערטער פון הייליגע און פרומע...

איך האָב אויפגעפלאַמט אויף אַרגענטינער ערד...
איך האָב אויפגעפלאַמט אויף פלאַטאַ-ערד...
מיט אַ ליד — אַ תפלהדיגע — אַ קדושהדיגע...
מיטן בטחון-רוף פון אידישע דורות,
מיט ווערטער אידישע — שטראַליגע...
— מיט זוניגע פאַנטאַזיעס און דמיונות...

פונוואַנען?

פונוואַנען קומט צו מיר אַזאַ בלוט,
— אַזאַ שטורעמדיגע ליד?
פונוואַנען און פונוואַן,
— פון וועלכען יעקב-שטאַם?

איינמאָל אין נאַכטיגען פינסטער,
אין מינוטען פון יאוש און אומעט:
האָב איך דערזעהן אַ שטערן,
— דעם סוד פון מיין זינגעריש האַרץ...

האָב איך דערזעהן אַ שטערן,
— מיין גורל — מיין שיקזאַל — מיין וועג...
האָב איך דערזעהן אַ שטערן,
— אַ ליכט — אַ געזאַנג און אַ שטעג...

מאָמענטען

איך האָב געלעבט מאָמענטען פון עליה,
איך האָב געלעבט מאָמענטען פון ירידה...
איך האָב געקלעטערט אויף באַרג־שפּיצען,
— אויף פעלזען...

איך בין געשליידערט געוואָרען
צו אָפּגרונטען — תהומות;
איך בין געשליידערט געוואָרען
צו שאול־תחתיה — מאוימדיגע מקומות...

שטענדיג האָט אַ ירושה־לאַמטערן
מיין וועג באַלויכטען...
שטענדיג האָט אַ פייערל
אין מיין האַרץ געפלעמעלט...

בין איך וואַך געווען אין ליידען,
בין איך וואַך געווען אין פריידען...
האָב איך מיין גורל-שעה ניט פאַרשלאָפען,
האָב איך מיין גורל-שעה ניט פאַרדרעמעלט...

צו דיר

איך האָב זיך דערמאָנט

ערגעץ-וואו געזעהן דיר,
איך קען זיך ניט דערמאָנען...
ערגעץ-וואו געזעהן דיר,
באַקאַנט איז מיר דיין פּנים...

אַצינד האָב איך דערמאָנט זיך:
אין ביבליאָטעקען ביסטו פאַראַנען...
איך האָב דיר געלייענט,
איך האָב דיר פאַרשטאַנען...

דו ווועסט הייל.ען...

דו ווועסט היילען מיין גייסט,
וואָס שונא האָט פאַרסמט:
מיט צאָרן, מיט גאַל,
מיט שחיטות — מיט טויט...

דו ווועסט היילען מיין גייסט,
וואָס שונא האָט פאַרסמט:
מיט גופים פאַרברענטע,
מיט לעבענס צעשטערטע...

דו ווועסט היילען מיין גייסט,
וואָס שונא האָט פאַרסמט:
מיט חורבן — מיט אומקום,
מיט בלוטיגען רויט...

מיין ברכה

געבענטשט זאָל זיין די שעה,
ווען איך האָב דיר דערקענט...
דריי באַטאָג — באַטאָג,
— אַ זוניגער באַטאָג...
אַרגענטינער זייגער — צייט:
ריכטיג — פּינקטליך — פּונקט...

געבענטשט זאָל זיין די שעה,
ווען איך האָב דיר דערקענט...
אַ שעה פון הימעל-בלוי... פון הימעל-בלוי...
ווען הימעל שפּינט פון גאָלד,
פון תכלת און פון זייד:
מתנות פאַר דער ערד...

איך וועל דיר שענקען לידער

איך וועל דיר שענקען לידער,
— מיין גייסטיגען פאַרמעג...
איך וועל דיר שענקען לידער,
מיין וואָרט און מיין געזאַנג...

איך וועל דיר שענקען לידער,
— אַלץ — צו וואָס איך שטרעב...
איך וועל דיר שענקען לידער,
אַ בלומיגען געוועב...

דיין געשטאַלט

ס׳שוועבט פאַר מיינע אויגען
דיין פרעכטיגע געשטאַלט...
דיין שלאַנקער גוף — אַ צעדער:
מאָנט ביי מיר אַ ליד...

איך ווייס ניט וואָס צו זינגען,
און ווי אַזוי צו זינגען...
זאָל איך צו דיינע אויגען
זינגען „הלל״ — שירה?...

זאָל איך צו דיין האַלדז,
— פאַרברוינט ווי בראָנז און קופּער,
— באַשטראַלט פון דרום-זונען:
זאָגען שטיל אַ תפלה?

זאָל איך צום גלאַנץ פון דיינע האָר,
— צו דיין בלומיגען געפלעכט;
צום זייד וואָס דעקט דיין שאַרבען,
שיקען אַ תּפלה — אַ געבעט?...

איך האָב געהערט דיר זינגען

איך האָב געהערט דיר זינגען,
האָט אויפגעפלאַמט מיין שירה...
איך האָב געהערט דיר זינגען,
— האָב איך געזאָגט אַ תפלה...

זינג-זשע היינט נאָך איינמאָל:
לידער און געזאַנגען...
זינג-זשע היינט נאָך איינמאָל:
שענק מיר דיינע קלאַנגען...

רעד-זשע היינט די ווערטער,
וואָס זענען ווי דיאַמאַנטען;
ווי פאַרמעטענע לוחות,
ווי ליכטיגע בריליאַנטען...

שווייג ניט ווי די ספינקסען,
ווי מומיעס — טויטע פּרעהס...
שווייג ניט ווי די קבֿרים,
ווי מאַרמאָר-פּאַנטעאָנען...

זאָל דיין שטים הײנט שאַלען
איבער אַלע ווייטען...
דיין שטים איז כוואַלע-שטורעם
פון פלאַטאַ-ירדן-טייכען...

דיין שפּראַך

היינט — דו רעדסט צו מיר
אַ שפּראַך וואָס איך פֿאַרשטעה...
היינט — דו רעדסט צו מיר
אַ שפּראַך פֿון האַרץ צו האַרץ...

וואו און ווען האָסטו
געלערנט אַזאַ שפּראַך?
וואו און ווען האָסטו
געלערנט אַ געזאַנג?

פֿונוואַנען קומט צו דיר
אַ מעלאָדיע — אַ מוזיק,
וואָס איז ריכטיג — עהנליך — גלייך:
צו מיין מאַמעס ווערטער־קלאַנג?...

דו קענסט

דו קענסט דערדריקען
און דו קענסט דערהויבען...
דו קענסט צעפלאַמען מיין פאַנטאַזיע
און מיין גלויבען...

דו קענסט גוזר זיין
אויף מיין ליד — מיין שירה...
דו קענסט שטיל מאַכען
די קלאַנגען פון מיין תפלה...

דו קענסט פאַרשעהנערען די טענער
פון מיין אידישער מוזיק...
און דערהויבען קענסטו מיין נשמה
ביז צו די הויכען פון דיכטערישען גליק...

מיין ליד

מיין ליד האָסטו געצערטעלט
מיט דיין בליק...
מיין ליד האָסטו פאַרוואַנדעלט
אין מיין גליק...

מיין ליד האָב איך געזונגען
מיט מיין קראַפט:
באַהויכט פון דיין גייסט,
— פון דיין ליכט-געשטאַלט...

מיין ליד האָב איך געפיינערט
מיט מיין שכל...
מיין ליד האָב איך געאיידעלט
אין מיין היכל...

ניט איינשטילען

זאָלסט ניט איינשטילען דעם שטורעם
פון מיינע געזאַנגען...
זאָלסט ניט אויסלעשען מיינע ליכטען,
— מיינע פייער-פלאַמען...

איך בין צו דיר ווי אַ דיכטער געקומען...
מיין ליד איז פון אַלטלאַנד...
מיין ליד איז פון נייילאַנד...
מיין ליד איז פון פריילאַנד...

מיין ליד איז פון ציון...
מיין ליד איז פון יהודה...
זאָלסט ניט איינשטילען דעם שטורעם
פון מיינע געזאַנגען...

דיין פּלאַם

טוה ניט אָפּ פון מיר דיין פּלאַם,
— דיין וואונדערליכען בליק...
דיין בליק איז אַ באַלזאַם — אַ רפואה,
וואָס מוטיגט און וואָס שטאַרקט...

טוה ניט אָפּ פון מיר דיין פּלאַם,
— די שעהנקייט פון דיין גייסט...
דיין גייסט פאַרשטעלט פאַר מיר דעם וועג
צום אָפּגרונט, וואָס פאַרשלינגט און צערייסט...

טוה ניט אָפּ פון מיר דיין פּלאַם,
— דעם פייער פון דיין האַרץ...
דיין האַרץ איז אַ בית-המקדש,
וואָס הייליגט און וואָס היילט...

איך וויל דו זאָלסט פאַרשטעהן

איך וויל דו זאָלסט פאַרשטעהן
און וויסען זאָלסטו אויך:
אַז מיין געזאַנג צו דיר,
איז ניט אַ פראַזען-שפּיל;
ניט אַ ביליג ליד;
עפּעס-וואָס — אַ גראַם...

מיין געזאַנג צו דיר:
ריזעלט פון מאַרך-געוועב;
קוועלט און פליסט פון האַרץ;
פון לאַבירינטן — פון גייסט...
פון בלוט — פון גאַנצען גוף...

מיין געזאַנג צו דיר:
ווערט געבוירען אין פאַרנאַכט;
אין אומעט פון זון-פאַרגעהן,
אין שקיעה-טרויער-וועה...

מיין געזאַנג צו דיר:
ערוואַכט מיט אימפעט און מיט קראַפט,
אין זוניגען פרידהמאָרגען,
אין זוניגען געפלאַם,
ווען איך דערהער פון מזרח-זייט:
די „התקוה"-תפלה פון מיין שטאַם...

מיין געזאַנג צו דיר:
ערוואַכט מיט אימפעט און מיט קראַפט,
ווען שכינה פון ישראל
טוהט באַשטראַלען מיין פאַנטאַזיע:
מיט בילדער פון תנ"ך,
מיט בילדער פון אַמאָל...

מיין געזאַנג צו דיר:
איז שטאַרק... און שטאַרקער... שטאַרקער...
ווי אַלע מיינע לידער,
מיינע נשמהדיגע געזאַנגען:
צו טעמפלען און צו שוהלען;
צו אַקאַדעמיעס — אוניווערסיטעטען;
צו וויסענשאַפט — קולטורען...

מיין געזאַנג צו דיר:
אָהן גרעניץ און אָהן צוים...
איז אַ שטורעם-ליד,
איז אַ פלאַמען-וואָרט:
פון פערציג יאָהרען מיינע,
— פערציג יאָהר — מיין לעבען...

שטימונגען

דו זאָגסט — איך בין פון מדבר,
אַנדערש איז מיין וועלט...
דו זאָגסט — איך בין אַ מאָרגנער,
אַ וואַגאַבונד אין פעלד...

הויב דיין אויג צו הימעל,
— קוק אין שטערן-שריפט...
קוק און לעז דיין שיקזאַל
ביי לבנה-ליכט...

פאַרחתמט — אונזער גורל,
אונזער לעבנס-וועג...
פאַרחתמט און פאַרזיגעלט:
איין-איינציג — אונזער שטעג...

היינט

היינט וועל איך קלאַפּען נאָכאַמאָל
אין די טירען פון דיין שטוב...
ניט קלינגען וועל איך...
נאָר קלאַפּען... קלאַפּען...

דיינע טירן פאַרמאָגען ניט קיין קלינגעל,
— בעסער אַזוי...
קלאַפּען איז מענטשליך,
הערצער קלאַפּען אויך...

און היינט וועל איך רעדען
צו דיר מיט געפיהל...
און היינט וועל איך רעדען
צו דיר אין דער שטיל...

וואָס-זשע טויגען דיר זכוחים?

וואָס-זשע טויגען דיר זכוחים,
— שלאָג-ווערטער און פראַזען?
שוין גענוג גערעדט — געדרשנט...
דו האָסט אַ קוואַל פון שפּראַך געירשנט...

וואָס-זשע טויגען דיר זכוחים,
— דערמאָנען טעג און צייטען:
פון נעכטען — פּאַראַיאָהרען,
פון דעם נאָנטען-ווייטען?

שטעל-זשע טריט דיין: פעסט און פעסטער...
זוניג זענען די פריהמאָרגענס,
ליכטיג די באַטאָגען;
אויסגעשטערנט די באַנאַכטען...

מאַדנע ווערטער

דו רעדסט היינט ווערטער האַרטע,
משונהדיגע — מאָדנע...
ניט די שפּראַך פון מיין ביאַליסטאָק,
פון ווילנע און פון גראָדנע...

רעד נישט מעהר דבורים,
וואָס שטעכען ווי די שפּיזען...
איך שטאַם פון לומדים־יחוס,
איך בין אַ קינד פון ריזען...

דו פאַרמאָגסט דאָך שפּראַך און לשון,
— ווערטער איידעל־שעהנע...
דו פאַרמאָגסט דאָך שפּראַך און לשון,
— קלאַנגען — צאַרטע — ריינע...

איך האָב געקלאַפּט

איך האָב געקלאַפּט... געקלאַפּט...
דו האָסט רחבותדיג געעפֿענט דיין טיר...
איך בין געבליבען שטעהן
ווי אַ ספינקס — אַ טויטער מאָנומענט:
אַנטקעגען דיין געשטאַלט,
— אַנטקעגען דיר...

איך בין געבליבען שטעהן
פאַרגליווערט און אייז-קאַלט...
ניט אַ פּינטעל מיט אַ אויג,
ניט גערירט פון אָרט...
אויסגעשטרעקט האָסטו דיין האַנט,
און תפלהדיג געזאָגט אַ וואָרט...

איך וועל מעהר ניט קלאפּען

איך וועל מעהר ניט קלאַפּען
אין דיין טיר...
איך וועל מעהר ניט קלאַפּען...
איך בין אַ מאַן פון ווירדע און פון שטאָלץ;
איך בין אַ מאַן פון וויסען און פון גייסט...
איך וועל מעהר ניט קלאַפּען...

אויסקריצען וועל איך מיין ליד
אויף שוועלען פון דיין היים;
אויף ווענטלאַך פון דיין צעלט...
יאָהרען שפּעטער וועסטו לייענען מיין ליד,
— מיין פלאַמיג וואָרט...
יאָהרען שפּעטער וועסטו לייענען מיין ליד...

דערפֿיהלען װעסטו דאַמאָלסט:
װאָס איך בין געװען פֿאַר דיר...
דערפֿיהלען װעסטו דאַמאָלסט...
און פֿאַרנעמען מיין געזאַנג...
פֿאַרנעמען װעסטו דאַמאָלסט
מיין לידערישען קלאַנג...

און ס'וועט געשעהן

האָבען... וואָכען... און חדשים...
יאָהרען... יאָהרען גאַנצע...
וועלען ווי אַ שאָטען פאַרשווינדען,
— ווי אַ שאָטען פון צייט און רוים...
ווי אַ שאָטען — מיין איצטיגער חלום...
ווי אַ שאָטען — מיין איצטיגער טרוים...

זילבער-ווייס וועט דאַמאָלסט זיין מיין קאָפּ...
זילבער-ווייס וועט דאַמאָלסט זיין דיין צאָפּ...
און אויסגעלאָשען מיינע פלאַמען,
— אַלע מיינע פייערען — מיין גוואַנג...
און אויסגעלאָשען דיין פייער-פלאַם,
וואָס האָט געברענט מיין מח און מיין הארץ — צוזאַם...

אַ אילוזיע — אַ אוטאָפּיע:
פון דעם וואָס איז געווען...
אַ חלום — אַ פאַנטאַזיע:
פון דעם וואָס איז געשעהן...
און לידער מיינע — פאַר אונז ביידע:
אַ דיכטעריש-געזאַנג — אַ מצבה...

אין שקיעה - פלאם

איך האָב דערזעהן דיין בילד
אין שקיעה-פלאַם — פאַרנאַכט...
אין געראַנגעל פון פינסטער-ליכט,
אין געראַנגעל פון טאָג-נאַכט...

געוואונקען האָסטו צו מיר,
געשמייכעלט קלוג און פרום...
איך האָב דיר גלייך געענטפערט,
איך בין ניט געבליבען שטום...

ווייל איך פאַרשטעה די שפּראַך פון שקיעה,
ווייל איך פאַרשטעה די קאָסמישע לשונות...
שקיעה-שפּראַך איז עהנליך צו העברעאיש,
שקיעה-שפּראַך איז עהנליך צו אַראַמעאיש...

שקיעה-שפּראַך איז עהנליך צו יענע ווערטער,
וואָס איך האָב אויסגעלערענט און אויסגעחזרט:
אין קינדהייט-טרוים — אַמאָל,
אין געבוירען-לאַנד — מיין מוטערהיים...

און איינגעזויגען אין מיין בלוט,
אין די צעלען פון מיין מאַרך;
אין די געוועבען פון מיין האַרץ,
— אין מיין גאַנצען גוף...

איך האָב דערזעהן דיין בילד
אין שקיעהשען געפלאַם,
און איך האָב דיר געגריסט
מיט ווערטער פון מיין שטאַם...

איך ווייל ניט

איך ווייל ניט דו זאָלסט פאַרלאָרען געהן
אין שקיעהשען געפלאַם...
איך ווייל ניט דו זאָלסט אויפהערען צו זיין
אין מינוטען פון זון-אונטערגאַנג...

איך ווייל ניט דו זאָלסט אויסהויכען
דיין לעצטען אָטעם:
אין טונקעל פון פאַרנאַכט,
אין גערנאַנגעל פון פינסטער-ליכט...

דו ביסט אַ טאָכטער פון מיין שטאַם,
דו ביסט אַ טאָכטער פון אַ מזרח-פאָלק...
איך ווייל ניט דו זאָלסט פאַרלאָרען געהן
אין שקיעהשען געפלאַם...

א צאהן

דער דענטיסט האָט דיר אַ צאָהן אַרויסגענומען...
מיט צוואַנגען אַרויסגעריסען — אַרויסגעשלעפּט...
אַ שאָר... אַ שאָר...
אַ צאָהן... אַ ווייסער צאָהן...

ווייסטו וואָס דאָס איז אַ צאָהן?
אַ טייל פון אונזער גבורה — קראַפט;
אַ טייל פון אונזער ליכט און לעבען;
עפּעס פון אונזערע חלומות און דמיונות...

אַ נייער צאָהן וועט קיינמאָל מעהר
ניט שפּראָצען אין דיין מויל...
אַ נייע ליד וועט אָבער קלינגען
אין דיין טעמפּעל...

און פריילינגען צענדליגער
וועלען דיר אַנטקעגען קומען מיט געזאַנג...
און פריילינגען צענדליגער
וועלען דיר באַגעגענען מיט שלום-ברכה-קלאַנג...

אַ סורפּריז

דו האָסט אויך אַוועק ניט געמיינט...
דו האָסט נישט געטראַכט,
אַז איך וועל אויפשטעהן
מיט געזאַנג...

דו האָסט נישט געטראַכט,
אַז איך וועל קלאַפּען אין דיין טיר;
אַז איך וועל קומען מיט אַ ליד צו דיר...

דו האָסט נישט געוואוסט,
אַז איך פאַרמאָג אַ אוצר אין מיין האַרץ;
אַז איך פאַרמאָג דעם מזרחדיגען פלאַם
פון אונזער פאָלק — פון אונזער שטאַם...

דו האָסט אויף אַזויפיל נישט געמיינט...
דו האָסט נישט געטראַכט,
אַז איך וועל אויפשטעהן
מיט געזאַנג...

דו וועסט ניט אויסלעשען

דו וועסט ניט אויסלעשען דעם פלאם,
וואס דו האסט אנגעצונדען
און צעפלאקערט...
אט דא ניט לאנג...
ניט לאנג... ניט לאנג...
דו געדענקסט... געדענקסט...

דו וועסט ניט אויסלעשען דעם פלאם,
ניט דעם פייער פון מיין הארץ...
ניט מיין גלויבען אין דיין גייסט...

דו וועסט ניט אויסלעשען דעם פלאם:
מיין געפיהל און מיין געזאנג;
מיין הארציג ליד,
— מיין תפלה-קלאנג...

דו ווערסט ניט אויסלעשען דעם פלאַם,
וואָס באַלעבט מיך און באַזועלט...
און באַגייסטערט און באַשטראַלט:
די פיר יאָהר-צענדליג פון מיין זיין...

ניט אויסלעשען

ניט אויסלעשען... ניט אויסלעשען...
אָה ניין!
דו האָסט אָנגעצונדען לאָמפּען,
מיט פייער און מיט פלאַם...

צעצונדען האָסטו ליכטער,
— מיין קרעפטיגען געזאַנג...
צעפלאַקערט האָסטו הארץ מיין,
ווי קיינער ניט ביז דיר...

דו האָסט באַשאַפען נייע הימלען,
לבנות אָהן א שיעור...
דו האָסט אויסגעכשופט זונען,
אַ נייע וועלט — פאַר מיר...

ווען דו ווילסט

דו האָסט היינט געלערענט תהלים
מיט „תרגום־יהואש".

ווען דו ווילסט קענסטו צעפלאַמען
מיין האַרץ...
ווען דו ווילסט קענסטו צעפלאַמען
מיין געזאַנג...

דערמאָן מיר נאָר אַ וואָרט
פון פאַרצייטען — פון אַמאָל...
נאָר איין וואָרט — נאָר איין:
פון ביבלישען פאָלקלאָר...

און דו האָסט באַהערשט
דעם שטורעם פון מיין גייסט...
און דו האָסט צעשטערט
דעם אומזין פון מיין זיין...

דערמאָן מיר נאָר אַ וואָרט
פון תנכישען געזאַנג...
נאָר איין וואָרט — נאָר איין:
איין תהלימדיגען קלאַנג...

איך ווייס ניט

איך ווייס ניט... איך ווייס ניט...
איך וויל דו זאָלסט מיר זאָגען:
אין וואָס באַשטעהט דיין כח,
דיין גבורה און דיין קראַפט...

דו האָסט אויפגעוועקט אין מיר:
אַ שטאַרקען... שטאַרקען רצון...
דו האָסט צעפלאַמט מיין האַרץ
און צעפלאַקערט ווי אַ פייער...

דו האָסט אויפגעוועקט אין מיר
אַ בענקשאַפט צו דער זון;
אַ ליבשאַפט צו דער וועלט,
— צו אַלץ וואָס לעבט אויף ערד...

דו האָסט אויפגעוועקט אין מיר
אַ פאַרשלאָפענע מוזיק;
אַ ליד וואָס האָט געדרעמעלט
ווי אַ עופהלע אין וויג...

פאַרגעס ניט

פאַרגעס ניט יענע שעה,
ווען איך בין צו דיר געקומען...
מיין ערשטער בליק — מיין ערשטער קוש:
אויף דיין אידיש-היילינג-געלט...

געלאָפען ביסטו מיר אנטקעגען
און צעעפענט שליאַכען, וועגען:
צו דיין נשמה — צו דיין וועלט...

איך — אַ קינד פון פיין און עלענד...
איך — אַ קינד פון מדבר — וואנדער...
האָב אויסגעשטרעקט צו דיר מיין האַנט...
און אויסגערופען מיט קול-קולות...

און אויסגערופּען מיט געשרייען:
דו ביסט מיין וויזיע!
דו ביסט מיין חלום!
דו ביסט געשטאַלט פון אידישלאַנד!!!

וואָס איז געשעהן?

איך פיהל היינט ניט דעם זעלבען ציטער,
ניט דעם צאַפּעל פון אַמאָל,
ווען איך קום צו דיר מיט גרוסען,
מיט געזאַנגען פון באַרג, טאָל...

איך פיהל היינט ניט די זעלבע חדות,
— די גרויסע שמחה פון יצירה,
ווען איך נעם דיי׳פּען אין האַנט,
אויסצוגיסען וואָרט פון שירה...

מיין ניט, אַז ווער האָט אויסגעלאָשען
מיינע פלאַמען...
מיין ניט, אַז איינער האָט צוגעדעקט
מיין האַרץ...

איך בין דער זעלבער וואָס געווען,
ניט געאַנדערשט אויף אַ האָר...
זאָג דו — זאָג דו:
וואָס איז געשעהן...

ווען דו וועסט פאַרטרייבען

ווען דו וועסט פאַרטרייבען און פאַריאָגען
דעם יעניגען וואָס האָט דיר ליב;
וועסטו אויפהערען צו חלומען
וועגען קולטור-הויכען — דיין גליק...

וועלען וועלקען דיינע גייסט-בלומען,
דיינע פרוכטען און דיין פלאַנץ...
און נשמה-וועה וועט אויסלעשען די פייערען.
— די פלאַמען פון דיין האַרץ...

ווען דו וועסט פאַרטרייבען און פאַריאָגען
דעם יעניגען וואָס האָט דיר ליב;
וועסטו אויסלעשען די פייערען.
— די פלאַמען פון אַ אידיש ליד...

וועסטו אויסלעשען און דערשטיקען
דעם איידעלסטען געזאַנג,
וואָס דו האָסט אויף לעבענס-טאָג געהערט;
אַ געזאַנג וואָס גאָט אַליין האָט דיר באַשערט...

אַלצאײנס

דו בענטשסט... דו שעלטסט...
אַלצאײנס — אַלצאײנס:
פאַר מיר...

דײַן ברכה איז אַ ליכטיקער געזאַנג...
דײַן קללה שרעקט מיך ניט...
דײַן זידעל־וואָרט איז ליד...

דו בענטשסט... דו שעלטסט...
אַלצאײנס — אַלצאײנס:
פאַר מיר...

אַ ענדע

איך וועל פאַרטרייבען דיין שאָטען
פון מיינע אויגען...
דיין געשטאַלט וועל איך פאַרטונקלען
אין מיין פאַנטאַזיע...

דיין בליק וועט מיך מעהר ניט
דערדריקען...
דיין בליק וועט מיך מעהר ניט
דערהויבען...

מיין געזאַנג וועל איך שיקען אַ מתנה:
צו ברעגען פון זילבערנע טייכען...
מיין געזאַנג וועל איך שיקען אַ מתנה:
צו שפּיצען פון אַנדישע פעלזען...
מיין געזאַנג וועל איך שיקען אַ מתנה:
צו טעכטער פון ניט-אידישען גלויבען...

איך האָב געמיינט

ווען דו האָסט אָפּגעקערט פון מיר,
האָב איך געמיינט,
אַז פאַרשטאָפּט ווערט זיין דער קוואַל,
דער מקור פון מיין ליד...

ווען דו האָסט אָפּגעקערט פון מיר,
האָב איך געמיינט,
אַז שטאַרבן ווערט מיין שירה־קראַפט,
— מיין דיכטערישע גבורה...

און געשעהן איז אַ נס,
אַ וואונדער האָט פּאַסירט:
אויפגעפלאַמט האָט מיין ליד
נאָך שטאַרקער ווי אַמאָל...

דו האָסט געצונדען

דו האָסט געצונדען פייערען
און צעפלאַקערט מיין געזאַנג...
דו האָסט געצונדען פייערען
און צעפלאַמט מיין וואָרט...

דו האָסט געצונדען פייערען,
— מיט פייער פון דיין בליק...
דו האָסט געצונדען פייערען:
אַ חלום-וועלט — אַ גליק...

שטימונגען

איך האָב אָנגערירט די סטרונעס
פון מיין האַרף...
איך האָב געשיקט צו דיר
אַ גרוס...

אין אונזער לאַנד,
אין אונזער רעפּובליק:
ווער האָט צו דיר געזונגען?
ווער נאָך אַזוי ווי איך?

יאָהרען-לאַנג וואָגעלט אום דיין גייסט
און זוכט אַ תּקון...
יאָהרען-לאַנג וואָגעלט אום דיין גייסט
און זוכט דערהויבונג...

איך האָב דיך דערהויבען
מיט מיין וואָרט...
איך האָב דיך דערהויבען
מיט מיין ליד...

איך בעט דיר

רעד ניט מעהר מיט צאָרן,
מיט כעס און מיט פאַרדראָס...
רעד ניט מעהר מיט צאָרן...
נישטאָ... נישטאָ פאַרוואָס...

איך בין צו דיר געקומען
מיט כבוד — מיט רעספּעקט...
איך בין צו דיר געקומען...
מיט געזאָגנגען דיר געוועקט...

Este libro "MIS CANTOS" se terminó de imprimir el 10 de Mayo de 1946, en los talleres gráficos de Julio Kaufman, calle Junín 344, Buenos Aires.

HECHO EL DEPOSITO
QUE MARCA LA LEY 11.723